בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון פ"ט

פרשת ויגש שנת תשפ"ה


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### אִיךְ וִויל הָאבְּן מְלַמְּדִים יִרְאֵי הַשֵּׁם

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן מְלַמְּדִים יִרְאֵי הַשֵּׁם. אִיךְ דַארְף עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים, מְלַמְּדִים וָואס גֵייעֶן אִין מִקְוֶה, אוּן הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אִיךְ קֶען טַאקֶע נִישְׁט וִויסְן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶענֶעם אִין הַארְץ, אָבֶער אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נָאר הָאבְּן מְלַמְּדִים מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אוּן אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן דֶער מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, מֶען זָאל זִיכֶער מַאכְן וֶועם מֶען נֶעמְט אוֹיף פַאר מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן סְמַארְטְפָאוֹנְס; אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁפִּילְט מִיר אוֹיס, עֶר קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ פְלִיפ-פָאוֹן (אַ פָּשׁוּטְ'ע טֶעלֶעפָאוֹן) אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיז דָאס גְנֵיבָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים דֶערוֹיף.

אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן בַּיי מִיר אִין מוֹסָד קַיין אֵיין אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן! מַה-דָאךְ מִיט אַ פָּשׁוּטְ'ע טֶעלֶעפָאוֹן דַארְף מֶען הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן.

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיּוּת אִינֶעם דַאוֶוענֶען

אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם; מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד: **"דַאוֶוען"**, בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד אַלֵיינְס דַאוֶוענְט נִישְׁט. אַ מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט הַאלְטְן זַיינֶע פִיס אוֹיפְ'ן טִישׁ אוּן הֵייסְן דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען. קוֹדֶם זָאלְסְטוּ אַלֵיינְס דַאוֶוענֶען, קוֹדֶם גֶעבּ זִיךְ אַלֵיינְס אַ שָׁאקְל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים.

בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיּוּת אִינֶעם דַאוֶוענֶען, אוֹיךְ קֶען מֶען דֶעמָאלְט אוֹיסְלֶערְנֶען הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען מֶען קוּקְט נִישְׁט אַרוֹיס, אוּן וֶוען טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ קִינְד הָאט זִיךְ גֶעקְרַאצְט זַיין קָאפּ, זָאגְט מֶען אִים: **"אוֹי, הָאסְט זִיךְ גֶעקְרַאצְט דַיין קָאפּ, גֵיי וַואשׁ אָפּ דַיינֶע הֶענְט"**, אוּן אוֹיבּ אַ סִידוּר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן לֶערְנְט מֶען אוֹיס וִוי עֶס אוֹיפְצוּהֵייבְן, אַז מֶען הֵייבְּט עֶס נִישְׁט סְתַּם אוֹיף, נָאר מֶען גֶעבְּט עֶס אַ קוּשׁ.

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ רֵיינְקֵייט צוּ תּוֹרָה

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ רֵיינְקֵייט צוּ תּוֹרָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי אִידְן, דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי אִידְן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטְ'ע חָכְמָה אַזוֹי וִוי אַלֶע חָכְמוֹת, עֶס הָאט נִישְׁט אִין זִיךְ קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע הֵיילִיגְקֵייט, חַס וְשָׁלוֹם, וִוי מֶען זִינְגְט אִינֶעם פִּיּוּט (מָעוֹז צוּר): **"יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי ... וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים"**, דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעלָאזְט צִינְדְן דִי מְנוֹרָה נָאר זֵיי הָאבְּן עֶס מְטַמֵּא גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: **"וָואס אִיז? מֶען קֶען אוֹיךְ צִינְדְן מִיט טָמֵא'נֶע אוֹיל! מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין רֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן קַיין נֶעגְל וַואסֶער"**. דִי יְוָנִים הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דָאס הֵיילִיגְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס דַארְפְן דִי מְלַמְּדִים אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ

## יוֹם טוֹב פוּן חִינּוּךְ הַיְלָדִים - חֵלֶק ב'

אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי קְלִיפָּה פוּן 'חָכְמוֹת יְוָנִית'; דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶע'שְׁמַדְ'ט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֶענֶען דָארְט לֵיידֶער דָא פְרֵייעֶ אִידְן וָואס לֶערְנֶען 'קַבָּלָה', זֵיי הָאבְּן אַ גַאנְצֶע גַאנְצֶע 'קַבָּלָה סֶענְטֶער' וואוּ מֶען לֶערְנְט קַבָּלָה אָן רֵיינְקֵייט רַחֲמָנָא לִצְּלָן, בִּשְׁעַת בַּיי אוּנְז וֵוייסְט מֶען אַז לֶערְנֶען 'קַבָּלָה' אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ 'חָכְמָה', נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען קַבָּלָה דַארְף מֶען קוֹדֶם תְּשׁוּבָה טוּן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין הַנְהָגוֹת הָאָדָם (אוֹת א', וְאוֹת וה') קוֹדֶם זָאל מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ גְּמָרָא אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם קֶען מֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל כִּתְבֵי הָאֲרִ"י'.

### וֶוער אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט?

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז, אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אַ קִינְד הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ קְרַאץ זַיין קָאפּ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, הָאט מֶען גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס פָארְלֶערְנֶען, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן רֵיינֶע הֶענְט וֶוען מֶען לֶערְנְט.

אַ מְלַמֵּד קֶען טְרַאכְטְן: 'אִיךְ זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אִינְמִיטְן לֶערְנֶען וַוייל אֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶעקְרַאצְט זַיין קָאפּ? מֶען דַארְף דָאךְ לֶערְנֶען!' - דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ כִּתָּה ט' מְלַמֵּד (בְּמֶשֶׁךְ פִינְף יָאר), הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מַיינֶע תַּלְמִידִים אַ הֵיילִיגְקֵייט צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ צַדִּיקִים; אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְרַאצְן דִי קָאפּ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִּיק סְתַּם מִיט זַיין נָאמֶען, מֶען דַארְף פַארְדֶעם צוּלֵייגְן **"דֶער הֵיילִיגֶער"**. הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַז מִיט דִי

זַאכְן קֶען מֶען מִיר אוֹיפְרֶעגְן, פְלֶעגְן זֵיי מִיר אוֹיסְשְׁפִּילְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי זֵיי הָאבְּן פַארגֶעסְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בְּדַוְקָא גֶעגֶעבְּן אַ קְרַאץ דֶעם קָאפּ אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס פָארְלֶערְנֶען אוּן אַרַיין אִין אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס פוּן זִיךְ נִישְׁט קְרַאצְן דִי קָאפּ, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מִיר: **"דֶער רֶבִּי זָאל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק"**, הָאבּ אִיךְ זֵיי פָארְגֶעהַאלְטְן: **"רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק?! עֶר אִיז דַיין חַבֵר? מֶען דַארְף זָאגְן 'דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ'!"** אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְן פוּן צַדִיקִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דִי קִינְדֶער בְּלִינְקֶען זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ, ווִי צוּ זָאגְן: 'עֶס אִיז אוּנְז גֶעלוּנְגֶען! דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס...' אָבֶּער מִיר אִיז עֶס נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען, וַוייל **"דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט"**, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

## אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען אַ מְלַמֵד קוּמְט אַרַיין אָדֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה, דַארְף עֶר גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר דִי מְזוּזָה, אוּן פַאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען גְמָרָא, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר דִי גְמָרָא, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: **"זָאגְט דִי גְמָרָא"**, מֶען דַארְף זָאגְן: **"זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' גְמָרָא"**.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף דֶעם פְּרַט אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט אוּן לֵייגְן דָאס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גוּטֶע מְלַמְדִים.

## מֶען מוּז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה

אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט חֲנוּכָּה דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנֵייעֶן צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה.

אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה וֶועלְן זֵיי עֶס נִישְׁט ווִיסְן. פוּן וואוּ זָאלְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער ווִיסְן אַז מֶען מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת? - נָאר אוֹיבּ מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן, וֶועלְן זֵיי ווִיסְן זִיךְ צוּ הִיטְן.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ מְלַמֵד (נִישְׁט פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה), עֶר אִיז אַ מְלַמֵד אִין כִּתָּה א' אָדֶער כִּתָּה ב', עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַזַא פְרַאגֶע: **"אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעטְרָאפְן ווִי צְווֵיי קִינְדֶער בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּן שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין אֵיין מָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אִין חֵדֶר?"**

שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵד, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"וָואס הֵייסְט דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט? זָאג עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל! אוּן אוֹיבּ אַ קִינְד טוּט עֶס וַוייטֶער זָאל מֶען אֶפְשָׁר גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ"**.

## רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

דֶער טַעֲנָה פוּן: 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ שׁוֹין אֵיין מָאל גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה', אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל מֶען דַארְף רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְדִים? וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְיָאר גֶעזָאגְט אַז **"עֶס אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ צוּ זַיין אַ מְלַמֵד"**, אוּן **"מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ"**, אוּן **"מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער אָנְגֶעגְרֵייט"**, אוּן **"מֶען דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין פַאר יֶעדְן קִינְד"**, אֶלָּא מַאי, יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אֵיין דִינֶע בַּאנְד 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' פוּן צֶען בְּרִיוְון, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט פַאר יֶעדְן צוּצֵייכֶענֶען וֶועלְכֶע בְּרִיוו עֶר זָאל לֵיינֶען. פַאר דֶער וָואס פְרֶעגְט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען, וֶועט אִים מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּן: **"קוּק אַרַיין אִין מִכְתָּב א', דָארְט אִיז מְבוֹאָר בַּאֲרִיכוּת דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן לֶערְנֶען"**, אוּן פַאר דֶער וָואס רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע צָרָה, וֶועט אִים מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּן: **"קוּק אַרַיין אִין מִכְתָּב ב', דָארְט אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם"**, אַזוֹי וֶועט מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְן פַאר יֶעדְן וואוּ עֶר זָאל אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם אֵיינֶעם בַּאנְד 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן 'זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון!' אוּן מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן צִי עֶס אַז דָא חִידוּשִׁים אִין דִי אַלֶע בְּרִיוְון, אַוַודַאי אִיז דָא חִידוּשִׁים, דָאס אַלֵיינְס - צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף דִי פָּאר עִנְיָנִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט אוּן פְרִישְׁקֵייט - אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע חִידוּשׁ!

## אַז מֶען אִיז מֻרְגָּל אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט

טְרַאכְט נִישְׁט: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיין מָאל גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשָׁה', נָאר זָאג פַאר דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אַ צְווֵייטְן אוּן טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"**.

בִּשְׁעַת עֶטְץ רֶעדְסְט פוּן דֶעם זָאלְט עֶטְץ ווֵיינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן!

דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ אַ קִינְד פוּן דִי דְרֵיי יָאר, עֶר רֶעדְט אִים צוּ עֶר זָאל זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אַ צְווֵייטְן קִינְד אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל, אֵיי בַּיי דִי דְרֵיי יָאר אִיז דָאךְ בִּכְלַל נָאכְנִישְׁט שַׁיָיךְ קַיין עֲבֵירוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן צִיט שׁוֹין אַ קִינְד צוּ דֶעם, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז שׁוֹין דָא, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט עֶס נִישְׁט אָפּ - בְּלַייבְּט עֶס אַזוֹי אוֹיף שְׁפֶּעטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט קוּמֶען צוּ מִיר אוּן וֵויינֶען בִּיטֶערְלִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אַזַא זַאךְ פוּן 'קְדוּשַּׁת הַבְּרִית', וֶוען זֵיי הֶערְן אִין יְשִׁיבָה פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, וֶוערְן זֵיי אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם אוּן אֵיינְמָאל מֶען אִיז שׁוֹין מֻרְגָּל אִין שְׁלֶעכְטְס דַארְף מֶען שׁוֹין גְרוֹיס רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ כִּתָּה ט' מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זֵיי פוּן הַארְצְן וָואס הֵייסְט אַ אִיד, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעוֵויינְט, עֶטְץ קֶענְטְס פְרֶעגְן דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן עֶס נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט! וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיטָה אִין יֶענֶע מוֹסָד אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה. יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אַלֵיינְס צִי דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט יוּנְגֶערְהֵייט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בְּלַייבְּט מֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

## אַמָאל דַארְף מֶען וַוייזְן אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעקֶעלֶע

אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ צְווֵייטְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל, קֶען מֶען אִים גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ. אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי אַמָאל וַוייזְן אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעקֶעלֶע, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר נוֹגֵעַ פַארְן מְנַהֵל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז דִי מְלַמְדִים בַּיי מִיר אִין מוֹסָד זָאלְן שְׁלָאגְן, אוּן נִישְׁט נָאר 'נִישְׁט שְׁלָאגְן', נָאר אֲפִילוּ גֶעבְּן אַ צִיפּ אָדֶער אַ שְׁלֶעפּ דִי הַאנְט זָאל מֶען נִישְׁט.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז אַ מְלַמֵד זָאל גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, וַוייל עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע מִכְשׁוֹלוֹת, אַ מְלַמֵד קֶען זִיךְ אַמָאל פַארְלִירְן אוּן שְׁלָאגְן פוּן כַּעַס. אַ מְלַמֵד דַארְף ווִיסְן: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט נִיצְן מַיינֶע הֶענְט, אִיךְ מוּז זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן הֶענְט, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין', אוּן וֶוער דֶען זָאל שְׁלָאגְן? דֶער מְנַהֵל! זַיי מְכַבֵּד זַיין דֶעם מְנַהֵל עֶר זָאל גֶעבְּן דֶעם פַּאטְשׁ'.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר הַיינְט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן, מַיין זוּן פוּן כִּתָּה ג' קוּמְט אַהֵיים דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט הַיינְט גֶעכַאפְּט דְרֵיי צִיפֶּעס פוּן זַיין מְלַמֵד?"** - בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס נִישְׁט פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, אִיךְ קֶען דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן זַיין זוּן, דֶער אִינְגֶערְמַאן דַאוֶוענְט דָא שַׁבָּת, דֶער אִינְגְל אִיז אַן אֵיידְל קִינְד, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעכַאפְּט דְרֵיי צִיפֶּעס אִין חֵדֶר...

אִיךְ הָאבּ אִים צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו, עֶר זָאל וִויסְן אַז מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן, דֶערִיבֶּער כַאפְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן, גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵד אוּן רֶעד מִיט אִים שֵׁיין.

דָא אִין דִי מוֹסָד אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן נִיצְן הֶענְט, אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, רוּף דֶעם מְנַהֵל אוּן עֶר וֶועט זֶען וָואס עֶר קֶען טוּן. וִויבַּאלְד דֶער מְנַהֵל אִיז פוּן אִינְדְרוֹיסְן, קֶען עֶר בֶּעסֶער זֶען דֶעם בִּילְד צִי דָאס קִינְד דַארְף טַאקֶע בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ.

אֲפִילוּ אַ מְנַהֵל דַארְף אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם עֶר זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן פוּן כַּעַס, אַ מְנַהֵל קֶען זִיךְ אוֹיךְ גוּט פַארְלִירְן. אַ שָׁכֵנְ'טֶע הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין וַוייבּ, אַז אִיר קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל, וַוייל דֶער מְנַהֵל הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן אִיר זוּן 'דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ אוֹיפְן קָאפּ', רַחֲמָנָא לִצְלָן! דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ מוֹסָד פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן פוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן, נִישְׁט פוּן דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק.

'דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ' אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, אֲפִילוּ וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁלָאגְן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אִיז עֶס 'אֵיין פַּאטְשׁ' אָדֶער מַאקְסִימוּם 'צְוֵויי פֶּעטְשׁ', אָבֶּער 'דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ אוֹיפְן קָאפּ' דָאס קֶען נִישְׁט זַיין חִינוּךְ! מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ אַמָאל גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אָבֶּער דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ?!

שְׁלָאגְן אַ קִינְד 'דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ' קוּמְט פוּן דֶעם אַז דֶער מְנַהֵל אִיז אַרַיין מִיטְן קִינְד אִין אַ קְרִיגֶערֵיי; עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁלָאגְן, אוּן אִינְמִיטְן שְׁלָאגְן הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט 'אֶפְשָׁר קוּמְט זִיךְ עֶס אִים נִישְׁט?' נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן נָאךְ פֶּעטְשׁ צוּ וַוייזְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים יָא... - בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ!

## לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה'

אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט חֲנוּכָּה ווִיל אִיךְ מֶען זָאל זִיךְ בַּאנֵייעֶן אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'אֱמוּנָה'.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה'.

יֶעדֶער הָאט זִיכֶער יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ אֵיין 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה' צוּ דֶערְצֵיילְן. אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה, מַיין בֶּעבִּי הָאט גֶעוֵוייְנְט אִין קְרִיבּ (ווִיגֶעלֶע), אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי בֶּעבִּי זָאל אַיינְשְׁלָאפְן וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר מִיד, אוּן דִי בֶּעבִּי אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה!

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה: מַיין קְלֵיינֶער אִינְגְל פוּן כִּתָּה אַ' הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הִיסְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אִין שְׁטוּבּ, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם אַ הִיס, עֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט וִוי אַ ווִידֶער קוֹל, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? הֶעלְף מַיין זוּן זָאל זִיךְ פִילְן גוּט"**. גְרַאדֶע אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטֶער אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מֶעדֶעצִין, - אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, דֶער עִיקָר פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז **"אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, אוּן נָאכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶס שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער זֶעלְבֶּער הִיס, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע הִיס... אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהִיסְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נָתָן: **"דוּ הֶערְסְט דֶער הִיס, דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע הִיס פוּן פְרִיעֶר, דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע הִיס!"**

הַיינְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי מַיין זוּן הִיסְט אַסַאךְ בֶּעסֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר הִיסְט שׁוֹין אַסַאךְ בֶּעסֶער"**, דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן, פוּן דֶעם אַלֵיין אַז מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַ קִינְד ווֵייסְט נָאכְנִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען נֶעמְט דֶעם 'שֵׂכֶל עֶלְיוֹן' צוּ 'שֵׂכֶל תַּחְתּוֹן' (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ל), עֶר הֶערְט טַאקֶע אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, וִוי אַזוֹי בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אוּן וִוי אַזוֹי הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְמָשָׁל בַּיי דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מֶען: **"אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַיין בֶּעבִּי הִיסְט'"**.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה: אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַפָּאר דָאלֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיבֶּער צוּ לָאזְן פַאר דִי רוֹימֶערְקֶע (וָואס קוּמְט רֵיינִיגְן דִי הוֹיז), אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, [בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קְרֶעדִיט קַארְדְ'ס אוּן קַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט אִיז אַרִיבֶּער צוּ דִי מוֹסָד, - אָבֶּער אִיךְ קוּם אוֹיךְ פַאר קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין קֵיינֶעם נִישְׁט שׁוּלְדִיג קַיין גֶעלְט], אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעלְט מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר דִי רוֹימֶערְקֶע"**, אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעְן נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַ אִיד אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן פִּינְקְטְלִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעלְט ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אִיבֶּערְלָאזְן אַפָּאר דָאלֶער פַאר מַיין וַוייבּ.

וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען זֵיי. מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶען מֶען טוּן וָואס מֶען ווִיל, מֶען קֶען זֵיי דֶערְצֵיילְן שְׁטוּתִים אוּן זֵיי גֵייעֶן עֶס גֶעדֶענְקֶען, אָבֶּער פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן מַיין מְלַמֵד זַיינֶע חֲלוֹמוֹת? מַיין מְלַמֵד הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי אַ קְוָואדֶער הָאט פִיס אוּן מַאכְט אִים אַ רֵייד... עֶנְדֶערְשׁ דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיוֹת וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען נִיצְן אִין לֶעבְּן, דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מַיין וַוייבּ מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס גֵייט דָא זַיין, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן פְלֵיישׁ פַאר נַאכְטְמָאל פַאר דִי קִינְדֶער? אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן אִיךְ הָאבּ עֶכְט שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מִיר זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן"**.

וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַזַא מַעֲשֶׂה וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן יָארְן אַרוּם, וֶוען עֶר גֵייט זַיין פֶערְצִיג יָאר אוּן עֶס גֵייט בַּיי אִים גֶעשֶׁעְן דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, גֵייט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען וָואס זַיין מְלַמֵד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין אַרְבֶּעט מִיט דִי בָּחוּרִים זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַגִיד שִׁיעוּר אִין אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה דִי צְוֵוייטֶע כִּתָּה, אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ מִיט דִי בָּחוּרִים, בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט דָא אַ זַאךְ אַז אַ בָּחוּר פָּאלְגְט נִישְׁט, דִי בָּחוּרִים וֵוייסְן אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין חָכְמוֹת, יֶעדֶער שְׁטֵייט אוֹיף פַּארְטָאגְס אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ דִי זְמַנֵּי הַלִּימוּד, אוּן מֶען קוּמְט אָן זֵייעֶר אַסַאךְ יֶעדֶע זְמַן.

פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען מִיר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פַּארְמִיטָאג לֶערְנֶען מִיר גְּמָרָא בְּעִיּוּן, נָאכְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען שִׁיעוּר פָּשׁוּט, אוּן בַּיים נַאכְט סֶדֶר לֶערְנְט מֶען סִפְרֵי חֲסִידוּת.

וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ אִיז אַז וֶוען דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה, וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא אַזַא שְׁטְרֶענְגֶע מִסְגֶּרֶת, וֶוערְן זֵיי נָאכְגֶעלָאזְט, אוּן נָאכְדֶעם פַּאלְן זֵיי אַרָאפּ אוּן מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט גֵייט לְאִבּוּד. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דִי הַיינְטִיגֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט, אוּן פַארְוָואס אַזוֹי סַאךְ בָּחוּרִים פַּאלְן אַוֶועק, אֶפְשָׁר אַז אִיר רֶעדְט אַסַאךְ צוּ בָּחוּרִים וֵוייסְט אִיר דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ"א.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים פוּן זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט; אַז מֶען לֵייגְט אַ דָּגוּשׁ אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג אוּן עֶס וֶועט סֵיי וִוי נִישְׁט אָנְהַאלְטְן - אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט.

לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אָנְטוּן תְּפִילִּין אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן לֵייגְן תְּפִילִּין אוּן הִיטְן שַׁבָּת.

אַז מֶען לֵייגְט אַ דָּגוּשׁ אוֹיף עֶסְן מִיט אַ הוּט, אָדֶער גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ גַארְטְל וְכַדוֹמֶה לָזֶה - כָּל זְמַן דִי בָּחוּרִים זֶענֶען יוּנְג פָּאלְגְן זֵיי, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט פוּן דֶעם קַיין שְׁפִּיר.

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים, יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט זִיךְ זֵייעֶרֶע מִנְהָגִים, אַלֶע מִנְהָגִים זֶענֶען חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל; דֶער עִיקָר דַארְף בְּלַייבְּן עִיקָר, דֶער עִיקָר אִיז רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טָאג אוּן נַאכְט דַארְפְן מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין תּוֹרוֹת; אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען טוּט. וֶועט אִיר זֶען אַז נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַּאלְן, זֵיי וֶועלְן גֵיין נָאר מַעֲלָה מַעֲלָה אוּן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

בַּיינַאכְט וֶוען אִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי סִפְרֵי חֲסִידוּת זָאלְט אִיר זֵיי דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים אַסַאךְ חִיזוּק; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "פַאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר וָואס מֶען זָאגְט, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל הִתְחַזְּקוּת"; נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט פוּן מוּסָר הַאלְט נִישְׁט אָן צוּ לַאנְג, ווִידֶער הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס - דָאס הַאלְט אָן אַ לַאנְגֶע צַייט"; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ תַּלְמִידִים, מֶען גֶעבְּט זֵיי מוּסָר - דַארְף מֶען זֵיי אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נִישְׁט פַּאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ"א)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876